בס"ד

ויקרא תשפ"ו

גליון 276

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער ריינער קוואל

אַייֶערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

# אַ צַדִיק וָואס פַּאשֶׁעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶער יוֹם טוֹב אִיז אַ נַייעֶ יוֹם טוֹב וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן נָאר אוּנְז קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן אִידֶעלֶעךְ פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר קֶענֶען פְּרַאוֶּוען דֶעם הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו פוּן ר' נָתָן (על"ת ס"ג) צוּ זַיין זוּן דָארְטְן שְׁרַייבְּט עֶר אִים מִיט דִי וֶוערְטֶער:

"זָאלְסְט פוּן יֶעצְט דֶערְפְרֵייעֶן דַיין נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג, בִּפְרָט אִין דִי טֶעג פוּן אֲדָר אוּן נִיסָן וֶועלְכֶע זֶענֶען טֶעג פוּן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל, מֶען אִיז דָאן פַארְנוּמֶען מִיט אַסַאךְ מִצְוֹות אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח. שְׁטַארְק זִיךְ צוּ טוּן אַלֶע הֲכָנוֹת צוּם פֶּסַח מִיט גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ גְרֵייטְן צוּ עֶסְן מַצָּה אִין פֶּסַח, צוּ טוּן דֶער רָצוֹן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ מֶען דַארְף זֶען צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב וָואס דִי עֶלְטֶערְן בֶּעטְן אוּן מַאכְן אַלֶעס מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז אוּנְז הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַאר שְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא שַׁעֲשׁוּעִים וֶוערְן גֶעטוּן דוּרְךְ דֶעם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת,

יֶעצְט וֶוען מֶען רוֹימְט אַרוֹיס דִי חָמֵץ עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקֶעלֶע אִין שְׁטוּב דַארְף מֶען וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה ה' "צָרִיךְ לְפַנּוֹת אֶת הַמֹּחִין מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּמִמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת. מֵחָמֵץ שֶׁלֹּא יַחְמִיץ אֶת חָכְמָתוֹ בְּחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת וּבְתַאֲווֹת" דָאס מֵיינְט: "מֶען דַארְף אַרוֹיס רוֹימֶען פוּן קָאפּ אַלֶע חָמֵץ וָואס דָאס מֵיינְט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ חֲבֵר אָדֶער אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אָדֶער חָלִילָה אוֹיף דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַזוֹי אוֹיךְ נִישְׁט לָאזְן אִין קָאפּ מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ. דָאס אִיז אַ כְּלַל אוֹיף אַלֶעמָאל בִּפְרָט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶועלְכֶע זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָּל צוּ רֵיינִיגְן דִי מֹחַ פוּן אַלֶע פְּחָדִים אוּן פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער".



טַייעֶרֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן! אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה לֵיינְט מֶען אִין דִי תּוֹרָה "וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה" וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הֵייבְּן אָן צוּ לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי בַּאוואוּסְטֶע תּוֹרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אַזַמְּרָה" אַז אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא אַ פַּאסְטֶעך וָואס עֶר פַּאשֶׁעט דִי שָׁאף, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס פַּאשֶׁעט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער צַדִיק בּוֹיעֶט אַ מִשְׁכָּן אוּן עֶר וַוייסְט אִין יֶעדְן דוֹר וְואוּ דִי שְׁכִינָה רוּעֶט אוּן עֶר קֶען טְרֶעפְן אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן אַלֶע אִידְן.

די גְמָרָא (שַׁבָּת קי"ט) זָאגְט: "אַז די גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט אַ קִיּוּם נָאר בִּזְכוּת די הֶבֶל פִּיהֶם דֶער אָטֶעם וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן די מוֹיל פוּן די קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר, וַוייל זֵייעֶר מוֹיל אִיז נָאךְ אִינְגַאנְצְן רֵיין" אוּן זֵיי בַּאקוּמֶען דֶער אָטֶעם פוּנֶעם מִשְׁכָּן וָואס דֶער צַדִּיק הַדּוֹר בּוֹיעֶט אִין יֶעדְן דוֹר, אַזוֹי וִוי די מִשְׁכָּן וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבּוֹיעֶט אוּן מִדְבָּר.

דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען אַ קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הֵייבְּט עֶר אָן פוּן "וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה" וַוייל אִין "וַיִּקְרָא" רֶעדְט מֶען פוּן עֶנְדִיגְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן די מִשְׁכָּן אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶערוּפְן משֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים פוּן מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר הֵייבְּט מֶען אָן וַיִּקְרָא וַוייל די קִינְדֶערְלֶעךְ בַּאקוּמֶען די הֶבֶל פִּיהֶם פוּנֶעם מִשְׁכָּן!

אַשְׁרֵינוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אוּנְז וִוי גְרוֹיס אוּן וִוי חָשׁוּב אִיז די תּוֹרָה וָואס אִיר לֶערְנְט!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אַז מִיר גֵייעֶן עֶסְן די הֵיילִיגֶע מַצּוֹת וָואס דָאס אִיז שְׁפֵּייז פוּן די מַלְאָכִים אוּן מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְרוֹימֶען אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן חָמֵץ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין נָאךְ דָאס יָאר צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח, וְנֹאכַל שָׁם מִן הַפְּסָחִים וּמִן הַזְּבָחִים צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע צַדִּיקִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ – בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

...בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן שְׁפֵּייז פוּן די נְשָׁמָה, אַזֶעלְכֶע עֶסְן וָואס די מַלְאָכִים שְׁפַּייזְן זִיךְ פוּן דֶעם. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן רִיכְטִיג קֶענֶען מְבַעֵר זַיין דֶער חָמֵץ אוּן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן חָמֵץ צוּ מַצָּה, פוּן טוֹיט צוּ לֶעבְן, פוּן עַצְבוּת צוּ שִׂמְחָה...

(עָלִים לִתְרוּפָה - בְּרִיוּו סה)

## אַ תְּפִלָּה פַאר פֶּסַח

בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין אוֹיף אוּנְז די קְדוּשָׁה פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הֵיילִיגְקַייט מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן חֶדְוָה. מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין די מִצְוָה פוּן אַרְבַּע כּוֹסוֹת די וַויין פוּן פֶּסַח מִיט אַ רִיכְטִיגֶע שְׁלֵימוּת אוּן מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה. (תפלה כ')

בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן דַיין גְרוֹיס גֶענַאד. הֶעלְף אוּנְז אוֹיפְנֶעמֶען די דְרַיי רְגָלִים פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת אוּן סֻכּוֹת מִיט אַ קְדוּשָׁה אוּן אַ גְרוֹיס פְרֵייד, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְכַבֵּד זַיין אַלֶע יָמִים טוֹבִים מִיט אַלֶע מִינֵי כָּבוֹד אוּן שֵׁיינְקַייט, מִיט עֶסְן, סְעוּדוֹת אוּן רֵיינֶע קְלֵיידֶער. אוּן רוּעֶן פוּן אַלֶע אַרְבֶּעט. מִיט אַ גוּט הַארְץ אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

מִיט תְּפִלָּה בְּכַוָּונָה אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ אִידִישׁ קִינְד צוּ דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן יוֹם טוֹב.






*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶוערְט רֶבִּי נָתָן דֶער אָפִיצִיעֶלֶער שְׁרַייבֶּער פוּן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת. דֶער רֶבִּי דְרִיקְט אוֹיס צוּפְרִידְנְהֵייט פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס אַרְבֶּעט ווִי עֶר פַארְשְׁטֵייט זַיינֶע תּוֹרוֹת מֶער ווִי אַ צְוֵוייטְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אַ כֹּחַ דָאס אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפֶן.*

*דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט נָאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אָבֶּער רֶבִּי נָתָן - מֶער ווִי אַ צְוֵוייטְן - הָאט אַיינְגֶעזַאפְּט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן דַעַת אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דָאסְנַיי בַּיים רֶבִּי'ן.*

אַצִינְד לֵיינְט ווַייטֶער:

די מִדַּת הָעֲנָוָה פוּן רֶבִּי נָתָן

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַמָאל צוּ זַיין טָאכְטֶער הָרַבָּנִית הַצַּדֶיקֶת מָרַת אָדְל, וֶועגְן רֶבִּי נָתָן: "וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן אִיבֶּער זַיין קְלוּגְשַׁאפְט? עֶר אִיז אַזוֹי קְלוּג אַז עֶר דַארְף נָאר גֶעבְּן אֵיין בְּלִיק אוֹיף אַ גֶעבֵּיידֶע צוּ קֶענֶען זָאגְן דִי מָאסְן פוּן אַלֶע זַייטְן."

אָבֶּער רֶבִּי נָתָן, מִיט אַלֶע זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת, הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלֵיין בַּיי זִיךְ. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי שָׁפָלְ'דִיג ווִי גְלַייךְ עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

ס'אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל, נָאךְ אִין אָנְהֵייבּ פוּן זַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין תַּלְמִיד, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יִצְחָק פוּן טְרָאוִוויצֶע זַצַ"ל אוּן דֶערְבַּיי הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין נַייעֶר מְקוֹרָב - רֶבִּי נָתָן.

"ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים דֶערְקֶענֶען?" הָאט רֶבִּי יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט צוּם רֶבִּי'ן.

"אַז דוּ וֶועסְט אִים גוּט אָנְקוּקְן, וֶועסְטוּ זֶען דָאס עֶר אִיז בַּיי זִיךְ זַייעֶר קְלֵיין, ווִי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע," הָאט דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְט. "אוּן אַז דוּ וֶועסְט אִים בֶּעטְן דִיר צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן פַאר אַ קָאפִּיקֶע, וֶועט עֶר לוֹיפְן דִיר עֶס בְּרֶענְגֶען, אֲפִילוּ עֶר קֶען דִיךְ נִישְׁט..."

רֶבִּי יִצְחָק טְרָאוִוויצֶער אִיז אַרוֹיס אִין גַאס אוּן בַּאגֶעגְנְט אַן אוּמְבַּאקַאנְטֶער אִינְגֶערְמַאן, בַּאקְלֵיידֶעט מִיט גְבִירִ'ישֶׁע קְלֵיידֶער, גֵייעֶנְדִיג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְרִיזוּת. דָאס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אַז רֶבִּי נָתָן קוּמְט פוּן אַ רַייכֶע מִשְׁפָּחָה, הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז ס'שְׁטִימְט עֶפֶּעס צוּ רֶבִּי נָתָן. עֶר גֵייט צוּ צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ מַטְבֵּעַ זָאגְנְדִיג: "ר' אִיד, כְּ'בִּין אַבִּיסְל הוּנְגֶערִיג, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר פַארְשַׁאפְן עֶפֶּעס צוּ אִיבֶּערְבַּייסְן?"

רֶבִּי נָתָן טְרַאכְט נִישְׁט קֵיין צְווֵיי, נֶעמְט אִיבֶּער דֶעם מַטְבֵּעַ אוּן אֵיילְט צוּ קוֹיפְן אַ בֵּייגְל פַאר דֶעם

פְרֶעמְדן איד.

רֶבִּי יִצְחָק הָאט גְלַייך פַּארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז דָאס, דֶער הֵיילִיגֶער אוּן גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט. יָא, ס'שְׁטִימְט מִיט דִי אִינְפָארְמַאצִיֶע וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים פוּן פָארְאוֹיס צוּגֶעגְרֵייט. רֶבִּי נָתָן טוּט זִיךְ אוֹיסְצֵייכֶענֶען מִיט אַ זֶעלְטֶענֶע מִדַּת הָעֲנָוָה.

**ווִי בַּיים אֲרִיזַ"ל**

בַּיי אֵיינֶע פוּן זַיינֶע עֶרְשְׁטֶע בַּאזוּכְן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזֶען דָארְט אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר קֶען דָאס לַייעֶן בַּיי אִים? דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִים אַהִינְגֶעגֶעבְּן. אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער, וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם סֵפֶר?"

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט שְׁטֵיין אַז בִּשְׁעַת רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי - דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, הָאט אִים זַיין רֶבִּי זַייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט מִיט זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע נְשָׁמָה, אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסְן פַּארְנֶעם. אָבֶער רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען אוּן גְלֵייבְּן דִי אַלֶע שְׁבָחִים אוֹיף אִים. צוּלִיבּ זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע עֲנִיווּת אוּן שִׁפְלוּת הָאט עֶר זִיךְ בַּאטְרַאכְט אַלְס פִיל קְלֶענֶער דֶערְפוּן. רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי'ן: "ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, וֶוען אִיךְ ווֵייס בַּיי מִיר מַיין נִידֶערִיגְקַייט?"

דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין דִי הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת, וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר, קֶען מֶען מִיט אַ קְלֵיינִיגְקַייט אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא, רֶבִּי עֲקִיבָא." (ווִי בַּאווּאוּסְט הָאט רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל גֶעהַאט דֶעם שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא.)

הֶערְנְדִיג דִי דָאזִיגֶע רֵייד פוּן רֶבִּי נָתָן, הָאט דֶער רֶבִּי קָאמֶענְטִירְט: "אָט דָאס הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעמֵיינְט." דֶערְמִיט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט עֶרְקְלֶערְן פַאר רֶבִּי נָתָן, וֶועלְכֶער הָאט אוֹיךְ שְׁוֶוערִיגְקַייטְן אָנְצוּנֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׁבָחִים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף אִים. מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז דָאס פַּארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן.

אִין אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן רֶבִּי'ן

אֵיין נַאכְט, וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים וַוארֶעם אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן אִים גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אַרוֹיס פוּן שְׁטֶעטְל.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס אוּן אִים גֶעזָאגְט אַ תּוֹרָה ווִי עֶר עֶרְקְלֶערְט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַז דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייטֶער אִין דִי תּוֹרָה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט בַּיינַאכְט נָאךְ חֲצוֹת, וֶוען אַלֶעס שְׁלָאפְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ דַאן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מֶען זָאל טִיף מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען נֶענְטֶער וֶוערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִים דִינֶען מִיט אַ רֵיינְקֵייט אוּן נִישְׁט פַארְבְּלֶענְדֶעט וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נֵייגוּנְגֶען אוּן תַּאֲווֹת, נָאר שְׁטֶענְדִיג צִיעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאל בֶּעטְן דִי כּוֹחוֹת אוּן דַּעַת צוּ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת ווִי כָּבוֹד, קִנְאָה, אוּן נָאךְ פִיל אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת בַּיים מֶענְטְשׁ. מֶען זָאל וֶוערְן אֵיידֶעלֶער אוּן רֵיינֶער וָואס דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ דֶערְגְרֵייכְן הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט אִין דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ גֶעטוּן צוּם

זַאךְ אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ אַרוֹיסְגֵיין צוּ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער אַצִינְד, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאר אִין אַ תּוֹרָה וָואס אִיז גֶעוֶוען צַאמְגֶעפְלָאכְטְן דִי אַלֶע עִנְיָנִים אִין אֵיין הַפְלֶא׳דִיגֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר אַזוֹי בַּאגֵייסְטֶערְט גֶעוָוארְן, אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: ״גֶעוַואלְד! לָאמִיר לוֹיפְן אִיבֶּער דִי גַאסְן אוּן מַארְקְן אוּן שְׁרַייעֶן: ׳גֶעוַואלְד! וָואס טְרַאכְט אִיר אַלֶע? וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת׳?!״

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי זַיינֶע קְלֵיידֶער אִים אָפְּצוּהַאלְטְן אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״שְׁטֵיי, וֶועסְט נִישְׁט פּוֹעֶל׳ן. זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט הֶערְן!...״

(עֶס פְּלֶעגְט זַיין אָן אָפְּטֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער גֶעוִויסֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין אַ צַאמְגֶעשְׁטֶעלְטֶע תּוֹרָה.)

# א דארשט אין טבריה



בַּיים פוּלְן בָּאס סְטַאנְצִיֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען קָאלִירְט מִיט אַלֶע סָארְטְן פַּארְשׁוּינֶען וַוארְטְנְדִיג אוֹיפְן בָּאס, הָאבְּן דִי צְוֵויי אֵיידֶעלֶע חַסִידִ׳ישֶׁע אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט אִין זַייט אַרוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט צְוִוישְׁן אַלֶע אַרוּמִיגֶע.

וֶועלְכֶע סִבָּה הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי צְוֵויי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער אִינְגֶעלַייט - וָואס מֶען הָאט דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵיי אַז זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז זִיךְ צוּ דְרַייעֶן אַרוּם דֶעם בֵּית מִדְרָשׁ, מִקְוֶה, כּוֹלֵל, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי בַּאשִׁיצְנְדֶע מוֹיעֶרְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיים בָּאס סְטַאנְצִיֶע זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אִין וֶועג?

נָאר אֵיין זַאךְ! - ר׳ שִׁמְעוֹן...

דֶער צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז אַן אָרְט וָואס דִי חֲסִידִים פְּלֶעגְן שְׁטֶענְדִיג הָאפְן אוּן בֶּענְקֶען זוֹכֶה צוּ זַיין דָארְט צוּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ אוּן בֶּעטְן יְשׁוּעוֹת בְּרוּחָנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת בִּזְכוּת הַתַּנָא אֱלוֹקִי ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אַזוֹי וִוי דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם אַז מֶענְטְשְׁן פָארְן וַוייט פַאר דִי הַנָאוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, פַאר עֶפֶּעס אַ שְׁטִיקְל עוֹלָם-הַזֶה וָואס זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט פַארְזוּכְט, אַזוֹי פְּלֶעגְן דִי לַייט פוּנֶעם ׳בַּעַל תְּפִלָּה׳ פָארְן וַוייט אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע פִיר-אַמוֹת כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בֶּעסֶערֶע דַאוֶוענֶען, אַ הֶעכֶערֶע סָארְט פְּלַאץ וָואס קֶען עֶפֶּענֶען דָאס הַארְץ. פְּלֶעגְט מֶען אָפְט זֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים מַאכְן דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועג קַיין מִירוֹן וָואס דָאס מֵיינְט בֵּייטְן עֶטְלִיכֶע אַלְטֶע פַאקְרַאכְטֶע בָּאסֶעס וָואס הָאט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט קַיין גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג צוּ פָארְן דֶערִינֶען אַזַא לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג. אָבֶּער דָאס אַלֶעס אִיז אַלְס גֶעוֶוען כְּדַאי, צוּ קֶענֶען

גֶעוָואלְט אִיבֶּערְזָאגְן עֶפֶּעס אַ דִּבּוּר פוּן רֶבִּ'ן, אָבֶּער אִין יֶענֶע מִינוּט אִיז אִים אַלֶעס אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן קָאפּ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקְט. עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעשֶׁען מִיט אִים אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט קַיין שׁוּם דִּבּוּר פוּן רֶבִּ'ן? עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ הִימְל אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים אַרַיינְשִׁיקְן עֶפֶּעס אַ דִּבּוּר אִין זַיין מוֹיל עֶר זָאל קֶענֶען מְחַיֶה זַיין דֶעם אִיד, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה הָאט אַ וָוארְט אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אִין זַיין גֶעדַאנְק:

"אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁאֶפְשָׁר לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁאֶפְשָׁר לְתַקֵּן," הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם פַּארְקוֹיפֶער. "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן [צֶעבְּרֶעכְן] דַאן גְלֵייבּ אַז מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן!" דֶער פְרַייעֶר פַּארְקוֹיפֶער הָאט גֶעהֶערְט אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט. דִי צְוֵויי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

דִי יָארְן זֶענֶען גֶעלָאפְן, שְׁנֶעלֶער וִוי עֶס הָאט גֶעדַאכְט. עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָאר זַייט יֶענֶעם אִינְצִידֶענְט, אוּן ווִידֶער הָאט דִי הַשְׁגָּחָה צוּגֶעפִירְט אַז ר' יַעֲקֹב מִיט זַיין חַבֵר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין דֶער שְׁטָאט טְבֶרְיָה נֶעבְּן דָאס קְלֵיין גֶעשֶׁעפְטְל צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן זֵייעֶר וֶועג, אָבֶּער אֶט זֶען זֵיי אַ צְוֵוייטֶער פַּארְקוֹיפֶער, אַ אִיד בַּאצִירְט מִיט אַ בָּארְד אוּן אַ קַאסְקֶעטְל אוֹיפְן קָאפּ. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל אִינְטֶערֶעסִירְט אוֹיפְן פְרִיעֶרְדִיגְן מוֹכֵר וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט, אָבֶּער דֶער פַּארְקוֹיפֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען צוּם פַּארְקוֹיפְן בַּיי זַיין גֶעשֶׁעפְטְל חוּץ עֶר.

זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶוען אִינְצְווִישְׁן זָאגְט זֵיי דֶער פַּארְקוֹיפֶער: "אֶפְשָׁר זֶענֶען אִיר אֶט דִי צְוֵויי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן מִיר אִיבֶּערְגֶעזָאגְט עֶפֶּעס אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער וָוארְט מִיט אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק? וַוייל אֶט דִי גֶעצֵיילְטֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן צְוֵויי חֲסִידִים הָאט מִיר זֵייעֶר גֶערִירְט דָאס הַארְץ, אוּן זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן וואוּ אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. אִיךְ הָאבּ לַיידֶער גוּט גֶעוואוּסְט בַּיי מִיר אַז אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ קַאלְיֶע גֶעמַאכְט מִיט מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען קֶען בִּכְלַל פַארְעֶכְטְן. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען מְיוּאָשׁ בַּיי מִיר צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער דֶער דִּבּוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט הָאט שְׁטַארְק גֶערֶעדְט צוּ מִיר אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן אַ הָאפֶענוּנְג. אוֹיבּ מֶען קֶען קַאלְיֶע מַאכְן קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְרֶעכְטְן. ס'אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ דָאס צוּ הֶערְן.

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר צוּבִּיסְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּישְׁן מַיין לֶעבְּן. קוֹדֶם מִיטְן הִיטְן אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת אוּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. מִיט דִי צַייט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַבִּיסְל אִין שׁוּל אַרַיין, בִּיז אִיר קֶענְט מִיר יֶעצְט זֶען מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וִוי אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט. אִיךְ לֶעבּ אַ עֶרְלִיכֶער לֶעבְּן מִיר מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל."

דֶער פַּארְקוֹיפֶער הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אִים גֶעשִׁיקְט דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלִיחִים אִים צוּ צוּרִיק קֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דִי צְוֵויי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע דֶערְמַאנְט דֶעם דִּבּוּר וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְרַאשְׁט וִוי אֵיין דִּבּוּר פוּן רֶבִּ'ן קֶען מַאכְן אַזַא מַהְפֵּכָה, אַז עֶס הָאט אַזַא כֹּחַ. וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת קֶען אִים דָאס אַלֵיין אַרוֹיסְשְׁלֶעפְן פוּן בְּלָאטֶע אוּן אִים גֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים!

ר ת ט ה   מ ה מ ת א   י ה ג מ י

ת פ ט   ת כ ז   ט מ ח מ י   פ פ ת ח

ק ז ג   ת פ מ ש ז ג ב נ ז ג

צ ת נ   ר ז נ פ ט   י מ נ

ת פ ט ע ז ג ז   ז כ נ ז ג ט

ת פ ט   י מ נ   ת פ ט ע   ש מ ע

צ מ מ ט נ   ת מ ע   ה פ   כ ת ע ט

פ פ מ ח ט   ת ע   ק ז ג

ש ת ב ז ו ז ג   ת מ ע   ק ז ג

ר ז פ פ ז כ נ מ ר ז ג   ז ג

ת מ ע   ק ז ג   ש פ ג ת   מ א ש ג ל

ב י פ   פ מ א ז כ צ

ליין די ווערטער פון רבי נתן דורך די סימנים פון א"ת ב"ש

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א<br>ת | ב<br>ש | ג<br>ר | ד<br>ק | ה<br>צ | ו<br>פ | ז<br>ע | ח<br>ס |
| ט<br>נ | י<br>מ | כ<br>ל | ל<br>כ | מ<br>י | נ<br>ט | ס<br>ח | ע<br>ז |
| פ<br>ו | צ<br>ה | ק<br>ד | ר<br>ג | ש<br>ב | ת<br>א | | |

המשך פון זייט 12

# אַ טִיפֶּע חֲרָטָה

און גַמְלִיאֵל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַלֵיינְס גֶעזֶען וִוי הַצָּלָה קוּמְט אָן אוֹיפְן סְצֶענֶע, און עֶר הָאט אֲפִילוּ גֶעזֶען וִוי דֶער פַּארְוואוּנְדֶעטֶער אִיז מַצְלִיחַ זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן.

אֶפְרַיִם, וָואס אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעמַאכְט מִיט אֵיין וָוארְט, און אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן אַלֶע סָארְט חֶשְׁבּוֹנוֹת פַּארְוָואס דָאס קֶען נִישְׁט זַיין...

אַזוֹי הָאט פַּאסִירְט עֶטְלִיכֶע מָאל. אֶפְרַיִם, דֶער 'הוֹיפְּט' פוּן 'כִּתָּה' הָאט אַוֶועקְגֶעמַאכְט און פַּארְשֶׁעמְט יֶעדֶער וָואס הָאט נָאר מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אָדֶער גֶעקְוֶוענְקְלְט אוֹיף זַיינֶע 'פֶּערְל-וֶוערְטֶער', און בִּפְרַט דֶער אֵיידֶעלֶער גַמְלִיאֵל. עֶר הָאט אַזוֹי טִיף וויי גֶעטוּן גַמְלִיאֵל, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אַנוּנְג פַּארְוָואס עֶס קוּמְט זִיךְ אִים אַזוֹי צוּ פַּארְשֶׁעמְט וֶוערְן קֶעגְן אַלֶע חֲבֵרִים - און נָאכְדֶערְצוּ, אוֹיף אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט קְלָאר גֶעזֶען... עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעלִיטְן און גֶעשְׁוִויגְן.

אֵיין נַאכְט, וֶוען אֶפְרַיִם הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי זַיין זֵיידֶע, אִיז עֶר זִיךְ גֶעלֶעגְן אִין זַיין לֵיידִיגֶע צִימֶער בַּייְנַאכְט, און עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, פַּארְוָואס פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף אַזוֹי מִיט גַמְלִיאֵל? עֶר וֵוייסְט דִי אֱמֶת, פַּארְוָואס דַארְף מֶען אִים גְרִינְגְשֶׁעצְן?...

וֶוען הָאט דָאס פַּאסִירְט אַז אֶפְרַיִם הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ כַאפְּן וִוי שְׁלֶעכְט עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, און צוּ תְּשׁוּבָה טוּן? וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיינְס. וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַוֶועק פוּן דִי גַאנְצֶע הוּ-הַא, און עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'צִי אִיז דֶער רִיכְטִיג אַזוֹי צוּ טוּן? אִיז דָאס אַ גְלַייכֶע הִתְנַהֲגוּת?'. אַזוֹי, מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת, קוּמְט מֶען אָן צוּ גוּטֶע מַסְקָנוֹת און צוּ אֱמֶת'ע תְּשׁוּבָה.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה יא׳
## דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ אוּן דֶער ׳בֶּן־שִׁפְחָה׳

הָאט זִיךְ דֶער ׳זוּהְן׳ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער ׳אֱמֶת׳ער בֶּן־מֶלֶךְ׳, וָואס עֶר אִיז פַּארְבִּיטְן גֶעוָוארְן): ״[אַז] עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן״! הָאט אִים דֶער ׳פָּאטֶער׳ גֶעגֶעבְן ׳אַסַאךְ גֶעלְט׳ – אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן [פַּארְן ׳אֱמֶת׳ער בֶּן־מֶלֶךְ׳]: ״וָואס [פַּארְוָואס] עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיין ׳מְדִינָה׳ אוּמְזִיסְט״?!

וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט: ״פַּארְוָואס קוּמְט [זִיךְ] מִיר דָאס, אַז אִיךְ זָאל פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן״?! ״[אוֹיבּ] בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ – קוּמְט מִיר בְּוַודְאַי נִישְׁט דָאס, אַז אִיךְ זָאל פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן״?!

״אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ – קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ ׳בּוֹרֵחַ׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳אַנְטְלָאפֶענֶער׳) אוּמְזִיסְט – וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט?! וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג״?!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַּארְדְרָאסְן! – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם ׳טְרוּנְק׳ – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען לְ׳בֵית־הַזּוֹנוֹת׳ (דְהַיְינוּ: אִין דִי ׳שְׁטִיבֶּער׳ וואוּ ׳הוּרְן׳ [זוֹנוֹת] זִיצְן)!

אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט דֶערְמִיט, זִיךְ פַּארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָאהְרְן – [אַז] עֶר זָאל ׳שִׁיכּוֹר׳ן, אוּן זָאל נָאכְגֵיין נָאךְ וָואס זַיין ׳הַארְץ׳ גְלוּסְט – וַוייל עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אוּמְזִיסְט!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳פַּאלְטְשֶׁער בֶּן־מֶלֶךְ׳, דֶער ׳פַּארְבִּיטֶענֶער׳ – וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן ׳מֶלֶךְ׳) – הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי ׳מְלוּכָה׳ שְׁטַארְק!

אוּן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעהֶערְט, אַז מֶענְטְשְׁן מוּמְלֶען [מוּרְמְלֶען] אוּן שְׁמוּעֶסְן עֶפֶּעס דֶערְפוּן (דְהַיְינוּ: אַז זֵיי זֶענֶען פַּארְבִּיטְן גֶעוָוארְן, כַּנַ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הָאט עֶר זֵיי ׳מַעֲנִישׁ׳ גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: גֶעשְׁטְרָאפְט אוּן גֶעפַּיינִיגְט), אוּן הָאט זִיךְ אִין זֵיי ׳נוֹקֵם׳ גֶעוֶוען! אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענִיגְט, בְּתוֹקֶף וָעוֹז!

וַיְהִי הַיּוֹם – אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעפָארְן מִיט זַיינֶע ׳שָׂרִים׳ – ׳נַאוְולָאוְוֵייע׳ (דְהַיְינוּ: כַאפְּן חַיּוֹת). אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳שֵׁיין אָרְט׳ – אוּן אַ ׳טַייכְל וַואסֶער׳ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם אָרְט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט] דָארְט, אָפְּרוּעֶן זִיךְ – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט דָארְט ׳שְׁפַּאצִירְן׳.

הָאט זִיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אַבִּיסְל צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן]. אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק]: ״דִי ׳מַעֲשֶׂה׳ וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן – וָואס עֶר הָאט פַּארְטְרִיבְּן דֶעם ׳דָאזִיגְן׳ אוּמְזִיסְט״! וָוארְן מִמָּה־נַפְשָׁךְ: ״[אוֹיבּ] אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ – [אִיז] לֹא־דַי [נִישְׁט נָאר] וָואס עֶר אִיז פַּארְבִּיטְן גֶעוָוארְן – פַּארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט?!

אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ – קוּמְט אִים אוֹיךְ נִישְׁט, אַז מֶען זָאל אִים פַּארְטְרֵייבְּן – וָוארְן וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט?!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] זַאךְ – אוּן הָאט 'חֲרָטָה' גֶעהַאט אוֹיף דֶער 'עֲבֵירָה', אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער 'עַוְולָה' – וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין 'עֵצָה' גֶעבְּן: "וָואס עֶר זָאל דָא טוּהְן"?!

אוּן 'שְׁמוּעֶסְן' – קֶען מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ נִישְׁט, מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן, [אַז] מֶען זָאל מִיט אִים אַ 'עֵצָה' הַאלְטְן – (וָוארְן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ בְּוַודְאַי, אַזוֹינְס צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט לַייט [מֶענְטְשְׁן])!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר פַארְזָארְגְט גֶעוָוארְן, אִין גְרוֹיס 'דַאֲגָה'!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דִי 'שָׂרִים': "אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן – וָוארְן וַוייל [וִוייבַּאלְד] סְ'אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן 'דַאֲגָה', בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט שְׁפַּאצִירְן"! הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים!

וִוי דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים – הָאט עֶר בְּוַודְאַי גֶעהַאט כַּמָּה זַאכְן אוּן אִינְטְרֶעסְן – הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָּארֶעט אִין זַיינֶע אִינְטְרֶעסְן – אִיז אִים דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ, אוֹיס אִינְזִין אַרוֹיס [אַרוֹיס פוּן גֶעדַאנְק] (דְהַיְינוּ: דִי 'דַאֲגָה' אוּן דִי 'חֲרָטָה' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם פַארְטְרִיבְּן אוּמְזִיסְט).

אוּן דֶער וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶת'עֶר בֶּן־מֶלֶךְ') – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן [אָפְּגֶעטָאן] וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן [אָפְּגֶעטָאן], אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט [פַארְפַּאטְשְׁקֶעט] זַיין 'גֶעלְט' – אַמָאל אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זִיךְ 'שְׁפַּאצִירְן' – אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן] – אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק]: "וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן]"!

אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן: "וָואס הָאט עֶס גָאט [מִיט] מִיר גֶעטָאן"?! "[אוֹיבּ] בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר בְּוַודְאַי נִישְׁט דָאס"!

"אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס דָאזִיגֶע, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ 'בּוֹרֵחַ', אוּן אַ 'פַארְטְרִיבֶּענֶער'"!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אִין דֶער 'דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַדְרַבָּא – אַז סְ'אִיז יָא אַזוֹי – אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' קֶען יָא אַזוֹינְס טָאן, אַז מְ'זָאל פַארְבַּייטְן אַ 'בֶּן־מֶלֶךְ', אוּן סְ'זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּערְגֵיין – קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יָא אַזוֹי צוּ פִירְן [פַּאסְט דָאס זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְצוּפִירְן]? – אִיז זֶע רֶעכְט [רִיכְטִיג] וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן? – שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן, אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן [אוֹיפְפִירְן] אַזוֹי־וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן?"!

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרוֹיס 'צַעַר' צוּ הָאבְּן, אוּן זֵייעֶר 'חֲרָטָה' צוּ הָאבְּן – אוֹיף דִי 'מַעֲשִׂים־רָעִים' וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים, דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען – אוּן עֶר הָאט זִיךְ ווַייטֶער גֶענוּמֶען צוּם 'טְרוּנְק'!

נָאר מַחֲמַת [ווַייל] עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן 'חֲרָטָה' צוּ הָאבְּן – פְּלֶעגְט אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין, דִי 'מַחֲשָׁבוֹת' פוּן 'חֲרָטָה' אוּן 'תְּשׁוּבָה', וָואס סְ'אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק] אַלֶעמָאל!

אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן] – הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ'ט: "בַּאֲשֶׁר [אַז] אִין 'דֶעם' אוּן אִין 'דֶעם' אָרְט – אִיז [פַארְהַאן] אַ 'יְרִיד' אִין 'דֶעם' אוּן 'דֶעם' טָאג – בְּכֵן [דֶערִיבֶּער] זָאל עֶר אַהִינְגֵיין – אוּן וָואס

ס׳וֶועט זִיךְ אִים טְרֶעפְן צוּם עֶרְשְׁטְן עֶפֶּעס אַ ׳פַּארְדִינְסְט׳ – זָאל עֶר עֶס תֵּיכֶּף טָאן – כָאטְשֶׁע ס׳וֶועט נִישְׁט זַיין וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין ׳כָּבוֹד׳״! (אַזוֹי הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ׳ט)! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט!

אוּן דֶער ׳חָלוֹם׳ אִיז אִים אַרַיין זֵייעֶר, אִין דֶער׳ מַחֲשָׁבָה׳ אַרַיין – וָוארְן אַמָאל אִיז פַארְהַאנְדְן, אַז דִי זַאךְ גֵייט תֵּיכֶּף אַרוֹיס פוּן דֶער ׳מַחֲשָׁבָה׳ – נָאר דֶער [דָאזִיגֶער] ׳חָלוֹם׳, אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין דֶער ׳מַחֲשָׁבָה׳.

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען, אַז עֶר זָאל דָאס טוּהְן! אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּם ׳טְרוּנְק׳!

אוּן דֶער ׳חָלוֹם׳ – הָאט זִיךְ אִים וַוייטֶער גֶעחָלוֹמְ׳ט, כַּמָה פְּעָמִים! אוּן דֶער ׳חָלוֹם׳ – הָאט אִים זֵייעֶר מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען! אַמָאל הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אִין ׳חָלוֹם׳: ״אַז דוּ וִוילְסְט אוֹיף דִיר ׳רַחֲמָנוּת׳ הָאבְּן – זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם ׳יְרִיד׳ וְכוּ׳, כַּנַ״ל״! הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט מְקַיֵים זַיין דֶעם ׳חָלוֹם׳!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דָאס ׳אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט׳ וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט – הָאט עֶר עֶס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אוֹיף דֶער ׳אַרְבֶּערִיג׳ [אַכְסַנְיָא] וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען [עֶר הָאט דָארְט סְתָּם אַוֶועקְגֶעלֵייגְט זַיין גֶעלְט בַּיי דִי אַכְסַנְיָא – נִישְׁט צוּלִיבּ אַ חוֹב פַאר דִי אַכְסַנְיָא. חַיֵּי־מוֹהֲרַ״ן סא].

אוּן דִי ׳גוּטֶע קְלֵיידֶער׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט – הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלָאזְט [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט], אוֹיף דֶער ׳סְטַאנְצִיֶע׳ [אַכְסַנְיָא]! אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אַ ׳פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶע] מַלְבּוּשׁ׳ וִוי [אַזוֹי־וִוי] סוֹחֲרִים, דְהַיְינוּ: אַ ׳אַפִּינְטְשֶׁע׳ – אוּן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף דֶעם ׳יְרִיד׳! – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען!

אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ פְּרִי – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם ׳יְרִיד׳! הָאט אִים בַּאגֶעגְנְט אַ ׳סוֹחֵר׳, אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״וִוילְסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען״?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא״! הָאט עֶר [דֶער ׳סוֹחֵר׳] אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בַּאדַארְף דָא, צוּ טְרַייבְּן [פִּירְן] ׳בְּהֵמוֹת׳ – וֶועסְטוּ זִיךְ פַארְדִינְגֶען בַּיי מִיר״?!

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צַייט גֶעהַאט זִיךְ מְיַישֵׁב צוּ זַיין, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם ׳חָלוֹם׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (וָוארְן דֶער ׳חָלוֹם׳ אִיז זִיךְ גֶעוֶוען: ״אַז דָאס ׳עֶרְשְׁטֶע פַארְדִינְסְט׳, מוּז עֶר אָנְנֶעמֶען״ וְכוּ׳, כַּנַ״ל הָאט עֶר תֵּיכֶּף גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא״!

אוּן דֶער ׳סוֹחֵר׳ הָאט אִים תֵּיכֶּף גֶעדִינְגֶען – אוּן הָאט תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים צוּ שַׁאפְן, אַזוֹי־וִוי אַ ׳הַאר׳ אוֹיף זַיינֶע ׳מְשָׁרְתִים׳!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְצוּקוּקְן: ״וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן״?! – וָוארְן צוּ אִים קוּמְט בְּוַודַאי נִישְׁט אַזוֹי אַ [אַזַא] דִינְסְט – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ – אוּן הַיינְט וֶועט עֶר מוּזְן טְרַייבְּן [פִּירְן] ׳בְּהֵמוֹת׳ – אוּן עֶר וֶועט מוּזְן גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי ׳בְּהֵמוֹת׳! נָאר מְ׳קֶען שׁוֹין קַיין ׳חֲרָטָה׳ נִישְׁט הָאבְּן! – אוּן דֶער ׳סוֹחֵר׳ שַׁאפְט אוֹיף אִים, אַזוֹי־וִוי אַ ׳הַאר׳!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם ׳סוֹחֵר׳: ״וִוי וֶועל אִיךְ אַלֵיין גֵיין מִיט דִי ׳בְּהֵמוֹת׳״?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ נָאךְ ׳הַאדַאיֶעס׳ [פַּאסְטוּכֶער] וָואס זֵיי טְרַייבְּן [פִּירְן] מַיינֶע ׳בְּהֵמוֹת׳ – וֶועסְטוּ מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֵיין״!

אוּן עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּ דֶער ׳הַאנְט׳, עֶטְלִיכֶע ׳בְּהֵמוֹת׳, וָואס עֶר זָאל זֵיי טְרַייבְּן!

הָאט עֶר דִי ׳בְּהֵמוֹת׳ גֶעפִירְט, אוֹיס דֶער ׳שְׁטָאט׳ אַרוֹיס!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוויטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (2)

**א. וואס האט פארדראסן פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל דער אמת'ער בן השפחה איז דער קעניג
- ❑ ווייל ער איז פארטריבן געווארן אימזיסט
- ❑ ווייל זיין טאטע האט אים נישט געהאלפן

**ב. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן נאכדעם?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה אין א באהאלטעניש
- ❑ ער האט אנגהויבן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ ער האט זיך גענומען צום טרונק

**ג. וואס האט דער קעניג געטאן ווען ער האט געהערט מענטשן שמועסן אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ ער האט זיי געווארנט אז ער וועט זיי פארשיקן
- ❑ ער האט זיך זייער געשעמט
- ❑ ער האט זיי געשטראפט און געפייניקט

**ד. וואס האט דער קעניג דארט געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין טייך
- ❑ ער האט געפאנגען חיות
- ❑ ער האט חרטה געהאט אויף די עבירה אז ער האט פארטריבן דער אמת'ער בן המלך

**ה. וואס האט דער קעניג געטוהן נאכדעם וואס ער איז אהיים?**
- ❑ ער האט זיך געפארעט אין זיינע זאכן און פארגעסן פון די חרטה
- ❑ ער האט נישט אויפגעהערט טראכטן פון די חרטה
- ❑ ער האט אן געכאפט די קעניגרייך מיט שטארקייט

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ווען ער איז אמאל אליין געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ אויסגענוצט זיינע געלט
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין א טייך וואסער
- ❑ ער האט זיך צוגעלייגט

**ז. וואס נאך האט זיך דארט געטוהן מיט אים?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן האבן גרויס צער און חרטה אויף זיינע מעשים רעים
- ❑ ער האט זיך נאכאמאל גענומען צום טרונק
- ❑ ער האט דארט גערעדט מיט א חבר

**ח. וואס האט ער זיך נאכדעם געחלום'ט?**
- ❑ ווי ער ווערט קעניג איבער די וועלט
- ❑ ער זאל גיין צו עפעס א יריד און אננעמען די ערשטע פארדינסט
- ❑ אז דער אמת'ער בן השפחה האט חרטה אז ער האט אים פארשיקט

**ט. וועמען האט ער באגעגנט ביים יריד?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א קנעכט
- ❑ א סוחר

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**אויף וויפיל מענטשן דערציילט דער רבי ביי סיפורי מעשיות - ביז דא - אז זיי האבן זיך גע'חלום'ט א חלום?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אויף וועמען זאגט דער רבי ביי די מעשה און ביי מעשה י' און ביי מעשה ט' אז ער איז געווען א "בְּרִיָה"?**

במעשה ט': די סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג אוּן אַ בְּרִיָה. (דער חכם)

במעשה י': עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער בְּרִיָה צְווִישְׁן זֵיי. וָואריִן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶוען פוּן לַאנְג. (דער בן הבערגיר)

במעשה זו: אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹסֶער בְּרִיָה. (דער בן שפחה אמיתי)

**דער געווינער אויף בן המלך ובן השפחה 1 איז הילד החשוב יעקב הערשקאוויטש כתה ו', וויליאמסבורג**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ טִיפֶּע חֲרָטָה

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, וִוי דֶער בֶּן מֶלֶךְ - וָואס אִיז אִינְצְוִוישְׁן גֶעוָוארְן קֶענִיג - הָאט זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט דִי אַלֶע רֶעדֶערַייעֶן, אַז עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ, נָאר עֶר אִיז פַּארְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן מִיט דִי בֶּן שִׁפְחָה. דֶערְפַּאר, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין פַּייִנִיגְן דֶער בֶּן שִׁפְחָה, בִּיז דֶער פָּאטֶער פוּן דֶער בֶּן שִׁפְחָה הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען, אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרֵירָה אִיז אִים צוּ פַּארְשִׁיקְן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן.

פוּן צַייט צוּ צַייט, הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר צוּ וֶוערְן פַארְטְרִיבְּן? אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַ בֶּן מֶלֶךְ, קוּמְט זִיךְ מִיר עֶס דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בֶּן מֶלֶךְ, פַארְוָואס זָאל זִיךְ מִיר עֶס דֶעמָאלְט קוּמֶען?"...

אֵיין טָאג, אִיז דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ גֶעפָארְן אִין וַואלְד צוּ כַאפְּן חַיוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַבִּיסְל זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן אוּן שְׁפַּאצִירְן. עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'בֶּאֱמֶת, וָואס הָאט שׁוֹין דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט? אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט קֵיין בֶּן מֶלֶךְ, פַארְוָואס זָאל זִיךְ אִים קוּמֶען אַזַא עוֹנֶשׁ?'...

אֶפְרַיִם אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי הוֹיפְּט רֶעדְנֶערס אִין כִּתָּה. אִין יֶעדֶע נוֹשֵׂא וָואס דִי חֲבֵרִים הָאבְּן נָאר גֶערֶעדְט,




הָאט אֶפְרַיִם גֶעווּאוּסְט צוּ זָאגְן, דֶערְצֵיילְן, אוּן בַּאשְׁטִימֶען. אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, הָאבְּן אַלֶע גֶעוַוארְט מִיט שְׁפַּאנוּנְג צוּם רֶעאַקְצְיֶע פוּן אֶפְרַיִם, וַוייל אֵייבִּיג הָאט עֶר גֶעהַאט אַ קְלָארֶע אוּמְצְוֵוייַדְייטִיגֶע וָוארְט.

כָאטְשׁ וָואס אֶפְרַיִם הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַלֶעס, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ מִיט אַזַא זִיכֶערְהֵייט גֶעדִינְגֶען מִיט אַלֶעמֶען, אַז אַלֶע הָאבְּן וִוי תְּמִימוּת'דִיגֶע שָׁאף 'פַארְשְׁטַאנֶען' אַז אֶפְרַיִם וֵוייסְט אַלֶעס אוּן פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס אוּן עֶר אִיז אַ 'חָכָם מִכָּל הָאָדָם'... וֶוער עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַואגְט צוּ קְוֶוענְקְלֶען אוֹיף אֶפְרַיִם'ס וֶוערְטֶער, הָאט עֶר גֶעוָוארְפְן עֶפֶּעס אַ שְׁפָּאט-וָוארְט אוּן עֶר הָאט אִים 'אָפְּגֶעוִוישְׁט פוּן דִי מַאפֶּע' מִיט בּוּשׁוֹת אוּן חֶרְפּוֹת.

צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען גַּמְלִיאֵל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'דִיגֶער אוּן אַ תָּמִים, אַ רוּאִיגֶער אוּן אֵיידֶעלֶער. אֵיין טָאג הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הַאס הָאט פַּאסִירְט אוֹיף רְחוֹב 'רֶבִּי עֲקִיבָא', וִוי צְוֵויי אוֹיטָאס הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעהַאקְט אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן,

המשך אויף זייט 7

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **אברהם אנשין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **אהרן ברוין** הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **נחמן דויטש** הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב